Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Zavl rimer

## Menaḥem
## מנחם

Ṿarshe, 1923

דאָס צווייטע קאַפּיטל

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8195

Visual Library

## דאָס צווייטע קאַפּיטל

דער טאַטע איז געווען אין כּעס: וואָס איז דאָס פאַר אַ חגא
אינמיטן מיטוואָך גאָר אַוועקגיין פון דער אַרבעט?
די מאַמע אָבער איז געווען אויף זאַוולס צד
און האָט געטענהט: לאָז אים קומען צווישן מענטשן!
און זאַוול, אַז עס איז געוואָרן מאָנטאג פינף אַזייגער,
האָט אָנגעטאָן דעם ווייסן קאָלנער מיטן קאַפּעלוש און איז אַוועק.
די קני האָבן געציטערט, מער ווי אַלץ פון שרעק,
אַז אויפן קלונג פון גלעקל זאָל נישט אָנקומען די דינסט.
איז ער געבליבן וואַרטן פאַר די טרעפּ צום טיר,
זיך צוגעהערט, ווי ס׳קלאַפּט אין אים, ביז מיט אַמאָל
צונויפגענומען זיך, אַ שפּרייז געטאָן אַרויף
און אָנגעקלונגען. ניין, ס׳איז נישט געווען די דינסט.
אַליין די גבירטע האָט די טיר געעפנט, דורכגעפירט
די גרויסע שטוב מיט ספּיכער און בלומען
און אָנגעזאָגט: די קינדער וואַרטן שוין אויף אייך.
פאַרוואָס — די קינדער? בלויז אַן אויגנבליק,
און ווען עס עפנט זיך די טיר אין צווייטן צימער
און ס׳גיט אַ שימער פאַר די אויגן זון און ווייסקייט
און צווייגן, וועלכע שלאָגן זיך אין פענסטער,
פאַרשטייט שוין זאַוול. צווישן גרין און ווייס
פון בוים אויף יענער זייט און פאַרהאַנג דאָ זיצט מישא.
די פיס פאַרוואָרפן, מעשה עלטערער אין הויז,

און איידער זאָל טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ צו אים,
שפּרינגט אַן זיין שוועסטער – זון אין אירע קאַשטאַן־האַר,
די בּרוינע אויגן ליכטנדיקע און פון דער ווייסער בּלוזע –
אַ ווייסער האַלז, און ווייסע ציין אין העלן שמייכל –
און זאָלס קאַפּעלוש איז שוין נישטאָ, און זאָל פילט
אַ קליינע ווייכע האַנט אין זיינער און ער זיצט
און ווייסט נישט ווי אַזוי. זאָגט מישא צו דער שוועסטער:
– איך וועל דאָך אייך נישט שטערן, בּעקאַ? – קלינגט עס מאָדנע
אַזאַ מין נאָמען – בּעקאַ – און זי שטייט פאַר זיינע אויגן
און פרעגט אים קשיות: וואָס ער האָט געלערנט
און וואָס ער קען? און זאָל קירעוועט די צונג און ווייסט,
אַז וואָס ער ענטפערט איז נישט איר, נאָר אים,
דעם בּרודער אירן, און ער פילט – ער איז געפּלעפט:
דאָרט ערגעץ אויף דער גאַס צי צווישן מענטשן
וואָלט יענער נישט געפרעגט און ער וואָלט נישט געענטפערט,
און דאָ איז ער אַריינגעפאַלן. רעדט ער האַלבּע ווערטער,
און מישאַ זיצט, ווי ער וואָלט נישט געווען דערבּיי
און קוקט אַרויס פון פענסטער. אויסגעפרעגט און אָפּגעענטפערט,
ווערט אויפגעמישט אַ בּיכל, בּעקאַס קליינער פינגער
בּעמט אומגיין פאַר די אויגן אויף די שורות,
און זאָל זעט אַ פּאַסמע זון, וואָס לייגט זיך אין דער קרום,
און פון דעם פינגער פאַלט אַ שאָטן און ער גייט אים נאָך
און זאָגט עפּעס. מסתמא איז נישט גוט אַזוי.
ווייל ער דערשפּירט איר אָרעם אויפן ווענטל פונם שטול,
איר קאָפּ אַריבּער זיינעם, און איר קול איז ווייך,
פאַרריכטנדיק זיין טעות. דאַכט זיך אַן אַ סוף אַזוי.
דערנאָך הויבּט זי אָן פרעגן עפּעס אויפן פרעמדן לשון,
ער פרוּווט זיך ענטפערן און זעט די מאַמע זיינע
זיך דינגען מיט אַ גוי אין מאַרק איבּער אַ פּורל האָלץ
און הערט איר נאָכרוף: – טשוּיעש! – וואָרגט ער זיך,
און בּעקאַ קאָן נישט איינהאַלטן דאָס לאַכן, שעמט זיך,
און שטילערהייט אַ שולדיקע פאַרטייטשט זי זיך.

ביז דאָס גייט אויך אַריבער. ענדלעך שטייט זי אויף
און גיט אים אָפּ דאָס ביכל, טראָגט אים צו
דעם קאַפּעלוש צום האַנט און הייסט אים קומען דאָנערשטאָג.
שוין באַלד וועט מען דעם אָטעם קאָנען כאַפּן. אָבער דאָ
גיט מישאַ זיך אַ הויב און זאָגט: — וואַרט, איך גיי אויך
מען נייט אַרויס צוזאַמען. מישאַ רופט זיך אָן:
— זי איז אַ וואויל מיידל, בעקא, נאר אַ קינד אַ ביסל.
איר דאַרפט נישט נעמען ערנסט ווען זי לאַכט.
— מיך אַרט נישט — ענטפערט זאַוול. האָט געמיינט,
אַז יענער וועט אים וועלן כאַפּן ערשט ביי עפּעס
און דאָ וועט ער אים ווייזן, ווער ער איז.
נאָר מישאַ נעמט זיך אָן פאַר אים, און זאַוול,
אויב ער האָט, זיצנדיק ביים טיש, באַשלאָסן אַ מינוט,
אַז ער וועט מער נישט קומען, פילט אַצינד,
אַז דאָס איז אויס. ביים ראָג צעשיידט מען זיך.
ער גייט אַליין, און ערשט דערמאָנט ער זיך
אַז אינם ווינקל צימער, אויפן ווייסן בעט,
איז פריש געפּרעסט געלעגן אויסגעשפּרייט
אַ ווייס באַטיסטן קלייד מיט גרינע שפּרענקעלעך
און אַרבעל אויסגעשטרעקט אין בײדע זייטן — און ער זעט
ווי ש׳פּגטער אין אַ שעה וועט בעקא אין דעם קלייד
שפּאַצירן גיין אין סאָד, און ווייסט ביי זיך,
אַז היינט וועט ער שוין ערגעץ נישט אַרויסגיין.

דער ברודער איז נאָך איינמאָל בייגעוועןן דאָס לערנען,
נאָר אויף דער גאַס האָט ער שוין זאַוולען נישט געטראָפן
ביז וואַנען ער איז אָפּגעפאָרן. זאַוול ווידער
האָט נישט נאָר זיצנדיק מיט בעקאַן, נאָר נאָך מער
אַליין איבער די ביכלעך יעדן אָוונט אָפּגעמאַכט ביי זיך,
אַז ער וועט בלויז נאָך איינמאָל גיין, באַדאַנקען און אַן עק.
פאַרפאַלן — טויג ער נישט און אויס! אָט זיצט ער דאָ,
אַ יינג פון פינף און צוואַנציק יאָר, און מאַטערט זיך

אַריינקלאַפּן אין קאָפּ די פרעמדע ווערטער, שוויצט
זיי אויסצושרייבן ריין און ווייסט, אַז ס'איז אומזיסט.
וואָס קאָן ער טאָן? ער חזרט מיט עקשנות, אָטעמט אָפּ,
פאַרקוקט זיך אויפן לאָמפּ, פאַרחלומט זיך, דערמאָנט זיך —
און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע. אָוונטן און וואָכן
די גאַס נישט אָנגעזען, נישט אָנגערירט די פידל,
און אַז ער קלאַפּט שוין יאָ עפּעס אַריין אין קאָפּ,
איז שפּעטער, ווען ער דאַרף עס אויסרעדן, ווערט אים די צונג
ווי בליי אין מויל און ס'קלינגט אַזוי משונה-אומגעלומפּערט,
אַז צייטנווייז פון שאַנד הויבט ער אַליין אָן לאַכן.
נו, טויג ער נישט, פאַרפאַלן! אָבער ווען ער קומט אַהיי
און זעט ווי בעקאַ ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין,
באַשליסט ער נאָכאַמאָל, אַז ער וועט מוזן בייקומען
די טעמפּקייט, וועלכע זיצט אין אָט דער חיה — זאָל —
אַז נישט איז ער נישט ווערט די ערד, וואָס טראָגט אים.
און זי איז אַזוי גוט. האָט מורא, טאָמער דאָך
האָט זי אים ווי געטאָן — ער זעט עס קלאָר —
און בעט אים נאָכן לערנען טרינקען טיי מיט זיי,
מיט איר און מיט דער מאַמען און דעם קליינעם שוועסטערל,
און ער — ווי שלעכט עס זאָל נישט זיין דאָס זיצן דאָ ביים טיש —
ווערט דאָך אַזוי צענומען אינעווייניק. דערפאַר אָבער
איז ביטערער דאָס קומען נאָכאַמאָל. ער גייט אַרויס
באַצייטנס פון דער היים און שפּרייזנדיק פּאַמעלעך
פּרובירט ער אויפן וועג זיך איבערזאָגן אַלץ.
אין מח אָבער ליגט אַ קנויל פון ווערטער, ווענדונגען און כּללים,
און אַז ער וויל דעם פאָדעם אָנכאַפּן פון קנויל,
דערשרעקט ער זיך און בלייבט אינמיטן גאַס צעטומלט
מיט אויגן אין דער ערד, אַזוי ווי ער זאָל זוכן עפּעס,
וואָס ער האָט אָקאָרשט דאָ פאַרלוירן. ניין, נישטאָ.
דערמאָנט ער זיך, אַז ער מוז ווייטער גיין,
און גייט און ס'קלאַפּט אין קאָפּ, אַז בעסער זאָל ער
באַהאַלטן זיך, אַנטלויפן, זיך נישט ווייזן מער.

דאָך ציט עס אים צו דער באַגרעבעניש – – און אָט
שוין זיצט ער קעגנאיבער בעקאַן, זאָגט מעכאַניש נאָך
דאָס איינגעחזרטע און – – דאַכט זיך – – עס איז גוט.
באַדאַי וואָלט זי אים גאָרנישט נישט געפרעגט! נאָר ניין – –
און ער בלייבט זיצן ווי אַ גולם – שטיל און שטום.
זי רעדט נישט מער. שטייט אויף, נעמט אומשפרייזן
אין צימער הין און הער און יעדער טריט אירער
קלאַפט אָן ווי מיט אַ דינעם העמערל אין שפיץ פון האַרץ,
אין יענעם שפיץ, וואו ס׳ליגט צונויפגעקנוילט און שטום
די אָרעמע נשמה זיינע. זאָל עס קלאַפן, זאָל עס!
און זי רעדט אַלץ נישט. בלייבט אינמיטן שטוב,
פאַרקוקט זיך אויף אַ בלום פון די טאַפעטן אויף דער וואַנט
און קוקט. דאַן טוט זי זיך אַ קער צו אים און זאָגט
מיט איינמאָל אַזוי שטיל און פשוט: – מאָדנע בלומען.
וואָס ברענגט איר מיר נישט ווייזן וואָס איר שרייבט?
ער גלאָצט די אויגן אויס, דאַן כאַפט ער זיך:
– – איך שרייב נישט גאָרנישט. זינט איך לערן זיך ביי אייך
איז שרייב איך גאָרנישט מער. – – אַזוי פיל צער
און אונטערטעניקייט אין קול זיינעם. זי ביסט די ליפ:
– – פאַרוואָס? איר דאַרפט עס נישט פאַרוואַרפן.
שרייבט אָן עפעס און ברענגט. איר וועט עס טאָן, אַ יאָ?
ער ענטפערט: – – יאָ! – – און זי מיט ביידע הענט
נעמט איינע זיינע און זי האַלט זי שווייגעדיק,
דאַן פירט זי אים אַליין ביז צו דער טיר,
אַליין ביז צו דער טיר אין דרויסן, עפנט זי פאַר אים
און זאָגט: – אַ גוטן טאָג אייך, זאוול, קומט צוגיין!

דעם זעלבן אָונט האָט זיך ווידער אויפן פישמאַרק
צעטראָגן פידל־שפיל פון שלום רימערס הויז,
און אין דער אלול־נאַכט האָבן זיך ווייבער אויפגעקליבן
און פרום זיך צוגעהערט. דאָס האָט זיך זאַוול
זיין אומעט אָנגעשטעלט, עס זאָל אַרויסזינגען פון אים,

און שפּעט בײַנאַכט, װען משה איז געשלאָפֿן,
האָט ער דאָס לעמפּל אָנגעצונדן, זיך אױעקגעזעצט
און אָנגעהױבן אײנהערן אין זיך. עס איז אָבער אין קאָפּ
אַ װירװאַר אומגעגאַנגען פֿון אַרײַנגעקלאַפּטע װערטער,
און ס'האָט געפּרעסט די שװערקײט פֿון דער טעמפּער שאַנד
און ס'האָבן זיך געקלעפּט די אױגן — איז ער נאָך געזעס
ביז װאַנען ס'איז דער קאָפּ געפֿאַלן אױפֿן טיש
און דאַן דאָס לעמפּל אױסגעלאָשן. מאָרגן נאָכאַמאָל.
שױן קוקן פֿון פּאַפּיר אַראָפּ די שורות:

בײַ דיר אין די רײַכע פּאַלאַצן
איז לוסטיק און ליכטיק און שײַן,
און איך אין מײַן אָרעמען צימער,
איך זיץ און איך טרױער אַלײן.

נאָר װען ער זעט זיך זיצן קעגנאיבער בעקאַן
און פּרוּװט עס לײענען, פֿאַרשעמט ער זיך,
פֿאַרמעקט עס, מעקט עס לאַנג, עס זאָל קײן אות
נישט לאָזן זיך דערקענען, און נאָך שװערער מי
באַקומט ער אַנדערע פֿיר שורות:

אַ שײנע רױז אין גאָרטן בליט,
עס שײַנט אױף איר די זון.
איך זינג צו איר מײַן האַרצנס ליד,
זי װײס גאָרנישט דערפֿון.

און װידער זעט ער בעקאַן שמײכלענדיק,
און ס'דאַכט זיך — באַלד װעט זי אױפֿקדרײען דעם קאָפּ
און זיך פֿאַנאַנדערלאַכן. רײַסט ער דאָס פּאַפּיר
און בײַסט די פֿינגער. נײן, ער טױג שױן מער צו גאָרנישט.
אָן אָנגעשפּאַרטער אױף די עלנבױגנס װאַרט ער
ביז װאַנען ער װעט אײַנשלאָפֿן דאָ זיצנדיק,
נאָר װען ער הױבט שױן אױף אַן אמת אָן צו דרימלען,
װערט העל אין אים, ער רײַסט די אױגן אױף און שרײַבט:

כ'בין אַ בעטלער אױף די װעגן
און איך װאַנדער אײביק אום.

מיינע ליפּן גאָרנישט פרעגן,
נאָר די אויגן בעטן שטום.

איך האָב נאָך ביי קיינעמס טירן
נישט געבעטן קיין געשאַנק,
נאָר די שטומע אויגן פירן
וואו ס'איז פריידן און געזאַנג.

ס'האָט מיך קיינער נישט געזעען
איך זאָל אויסשטרעקן אַ האַנט.
נאָר דאָס האַרץ אַליין אין ווייען
בענקט און בעט זיך נאָכאַנאַנד.

ווען די טרערן מיינע פליסן,
און עס שטיקט זיך מיין געוויין,
וועלן נאָר די שטערן וויסן
און די נאַכט וועט עס פאַרשטיין.

נאַכט און שטערן וועלן הערן
וואָס איך וויין און וואָס איך וויל.
ביז מיין האַרץ וועט שטום אויך ווערן
און וועט אויסגיין אין דער שטיל.

עס איז געווען אַ שוויגן גלייך נאָכדעם, ווי זאוול האָט מיט אַ פאַרדומפן קול דאָס ליד פאַר בעקאן אָפּגעזונגען. די אויגן אָפּגעווענדט פון איר, האָט ער געפילט די בליקן אירע, דאַן דערשפירט איר האַנט אויף זיינער און דערהערט איר בעטן: — לייענט נאָכאַמאָל. ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעטראָפן אירע אויגן, פאַרחדושטע און ווייכע, און זיין קול איז קלאָר געוואָרן, זי האָט זיך צוגערוקט, אַריינגעקוקט אין בלאַט, גענומען עס אין האַנט און מיט זיין אונטערזאָגן

אַליין געלייענט. איצט איז ער געווען דער לערער,
כאָטש ער האָט עס געטאָן אַזוי ווי אומגערן, נישט מיינענדיק,
און זי האָט נאָכגעזאָגט די רייד פון זיינע ליפּן.
זי האָט געבעטן: — גיט עס מיר, איר ווילט?
האָט ער נישט אָפּגעזאָגט. און זי האָט עס צונויפגעלייגט,
באַהאַלטן אין אַ בוך און זיך געווענדט צו אים:
— איר זענט נישט בייז אויף מיר? — פאַרוואָס?
— איך ווייס נישט. גוט. נו, האָב איך נישט געפרעגט.
איצט לאָמיר לערנען. — האָט זי זיך אַרומגעקוקט,
אַז זאוול האָט קיין ביכער נישט געבראַכט
און זיך פאַרוואונדערט: וואו זענען די ביכער?
האָט ער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און ווערטערווייז געזאָגט:
— — מען דאַרף נישט. כ׳זע דאָך, אַז עס גייט מיר נישט.
און אייך איז שווער. איך וועל זיך גאָרנישט אויסלערנען.
איז וועל איך בעסער שוין נישט קומען. — — אָפּגעזאָגט
דאָס איינגעחזרטע און אין זיך דאָך געוואַרט אויף עפּעס.
איז בעקאַ רויט געוואָרן, פון צעמישטקייט צוגעגאַנגען,
אים אָנגענומען ביי אַן אַקסל און גערעדט אַזוי,
ווי ס׳רעדט אַ קינד מיט גרייטע טרערן:
— דאָס זענט איר נישט גערעכט. נישט אמת, זאוול.
אָט וועט איר זען. מיר וועלן זיך אַ נעם טאָן
און איר וועט מוזן, מוזן קענען. איר׳ט שוין זען.
און ער האָט צוגעהערט און בלויז געשאָקלט מיטן קאָפּ.

דערווייל האָבן זיך אָנגערוקט די ימים־טובים,
דאָס לערנען איז אַראָפּ פון וועג, און באַלד נאָך סכּות
האָט זיך אויף זאַוולען אָנגעיאָגט אַ נייע שרעק.
אין דרויסן האָט גערעגנט, ס׳האָבן לוזשעס וואַסער
פאַרפלייצט דעם פּישמאַרק, און די גרויסע שטיוול,
ווי לייכט מען זאָל די טריט נישט שטעלן,
פאַרכליאַפּען זיך אין בלאָטע און דערנאָך קומט אויס
צו רייבן זיך אַ האַלבע שעה די פיס

אין שטרוי־מאט פֿאַר דער טיר. און ווען די האַנט
רירט אָן דעם גלאָק, ערשט דעמאָלט קלאַפּט דאָס האַרץ.
אַז טאָמער בלײַבן פֿלעקן אויפֿן טעפּיך אין דער סאַ־יע.
וואָלט זאַוול שוין אַוועק און געקויפּט קאַלאָשן,
האָט ער דערזען אָבער דעם טאָטן ווי ער כאַפּט אַ קוק
פֿון אים אויף די קאַלאשן און צוריק און זיך געטראַכט:
— זאָל זײַן וואָס וויל זיך! — און באַשלאָסן ווײַטער
געדולדיק רײַבן זיך די פֿיס אָן שטרוי־מאַט.
עס איז אים נישט אַריבער גלאַט. אויב נישט די בעל־הביתטע,
האָט אים די דינסט אַמאָל בײַם טיר געכאַפּט
און אויסגעשאָסן: — — זע נאַר, ווי עס קריכט מיט די שטיוואַליעס...
דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו איר ערשטן ברוך־הבאָ
און ס׳האָט אים טעג דערנאָך געקלונגען אין די אויערן.
נאַר מיטן לערנען איז דערפֿאַר געגאַנגען בעסער:
מען האָט געלאָזט די לערן־ביכער, זיך גענומען לייענען,
און בעקא זעענדיק, ווי זאַוולס פּנים לײַכט,
ווען ער דערפֿילט דעם טראָפּ פֿון לידער, גיט אים נאָך
און ווערט באַלוינט דערפֿאַר: ער כאַפּט עס און באַנעמט.
נאָך מער: דורך זאַוולס פֿרייד הויבט בעקא אָן צו זען
אַ נײַעם זין אין יענע לידער, וואָס זי האָט אַמאָל
אין שול געחזרט, עפֿנט זי די אויגן
און ס׳קוועלט אַרויס פֿון זיי. צעגליען זאַוולס אויך אַזוי,
אַז מיט אַמאָל באַקומט ער לשון און שיסט אויס:
— איך האָב צו דעם אַ ניגון. — קוקט אים בעקאַ אָן:
— וואו האָט איר עס גענומען? — כ׳האָב אַליין געמאַכט.
ווערט בעקאַ גאָר אַנטציקט און וויל עס הערן גלײַך,
און זאַוול האָט חרטה, נאָר ער קאָן נישט העלפֿן
און זינגט עס שטילערהייט. ערשט דאָ אין זינגען
פֿילט בעקאַ נאָכאַמאָל, ווי הילצערן עס קומען
בײַ אים פֿון מויל אַרויס די פֿרעמדע ווערטער — לאַכט זי,
און ס׳טוט אים מער נישט וויי. פֿאַרקערט:
ער לאַכט מיט איר צוזאַמען און צום סוף באַשליסט מען,

אַז ער וועט ברענגען ווען עס איז די פידל
און אויסשפּילן דעם ניגון.

מאַכט זיך איינמאָל,
אַז זאַוול קומט צוגיין און בעקאַ איז נישטאָ,
גייט אַן די בעל־הביתטע און פאַרהאַלט אים:
— וואָס איילט ער זיך? מסתמא ט׳ריוטשע קומען באַלד.
און זאַוול זיצט מיט איר ביים טיש, טרינקט טיי,
פאַרנעמט איר שטילן קול און קוקט זיך צו
ווי ס׳לויפן דינע קנייטשלעך פון די אויגן אירע
און ווי די הויט אויף אירע ווייסע הענט איז לויז,
און פון דעם אַלעם: פון די אויגן, הענט און קול
צעגייט זיך אַזאַ וואַרעמקייט און ס׳איז אים לייכט.
וואָס רעדט מען? גאָרנישט. ווי זיין מאַמע הייסט
און וויפיל קינדער קיין עין הרע ס׳איז פאַראַן,
און צי דער טאַטע האָט געננוג פרנסה — זאַוול ענטפערט
און שעמט זיך נישט, ווייל ער דערפילט אין רעדן
אַ מאַמישקייט אַזאַ, און ווען ער גייט אַוועק
און ס׳הויבט אים אָן צו מאַטערן דער צווייפל,
צי ער האָט נישט גערעדט שוין צופיל פאַרן ערשטן מאָל,
געפינט ער אַ באַרואיקונג אין שיין פון אירע אויגן,
וואָס גייט אים נאָך, און טראַכט: אָט איז אַ מאַמע. מאָדנע!
ער האָט דאָך אויך אַ מאַמע, האָט זי ליב, יאָ, האָט זי ליב,
כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט דערפון,
און דאָך וואָלט ער מיט זיינע, מיט דער אייגענער,
זיך נישט אַוועקגעזעצט אַזוי אַ גאַנצע שעה... פאַרוואָס?
דערמאָנט ער זיך די מאַמע מיט די ביינערדיקע הענט
און שפּיצן פינגער ווי אַ ריבאייזן פון נייען,
דערזעט זי מיט די ברילן אויף דער נאָז ביים לעמפּל,
און די האַלאַבליעס פון די ברילן אין דער שוואַרצער קופּקע,
פון וועלכער ס׳האָט דאָס טיכל זיך אַראָפּגערוקט —
אָט זיצט אַזוי די מאַמע זיינע, צערעוועט און לייגט

אַ לאַטע אויף אַ לאַטע און זי רעדט צו זיך אַליין:
— אַזויפיל לאַטעס, אַז קיין העמד איז שוין נישטאָ.
דער מאַמעס קליינע אויגן ווערן אויך אַזוי
אַרומגערינגלט מיט אַ נעץ פון קנייטשן, ווען זי שמייכלט,
און אין איר קול, דעם איינגעבראָכענעם און האַרטן,
קלינגט אָפּ דער זעלבער אומעט, וואָס ביי יענער.
זיין מאַמע! די פון אַלע פינף און צוואַנציק יאָר!
און גייענדיק אַזוי פאַמעלעך, מאַכט ער ביי זיך אָפּ,
אַז ווען ער וועט אַריינקומען אין שטוב און זי דערזען,
וועט ער זי אַנגעמען ביים האַנט און זאָגן עפּעס.
ביים שוועל פון שטוב פאַרשעמט ער זיך פאַר דעם
און טראַכט, אַז ווייל ער שעמט זיך, וועט ער דווקא טאָן אַזוי.
נאָר אַז ער עפנט אויף די טיר, באַגעגנט אים
דעם טאַטנס קול: — אָט גייט דאָך דער סטודענט דיינער!
און שטייענדיק ביים פּליטע מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
הערט אויס די מאַמע און האָט מורא זיך אַרומקוקן.

דערנאָך האָט נאָכאַמאָל פּאַסירט: אַוועקגעגאַנגען בעקאַ.
און זאַוול וואַרט אויף איר און נעבן אים
די קליינע ליזע דרייט זיך, רייבט זיך ביי זיין שויס
און ס׳רעדט די גבירטע אומעטיקער נאָך: — נו, וואָס?
אָט ווערט שוין מישא באַלד אַ דאָקטאָר מיט גאָטס הילף
און וועט אַוועק פאַר זיך. און ריוועטשע - זאָל געזונט זיין —
ווי לאַנג נאָך וועט זי וועלן זיצן ביי דער מאַמען?
און באַלד גייט ליזינקע שוין אויך אין שולע — וועט אַוועק
אויף האַלבע טעג — און זאַוול הערט זיך איין,
און אַז דאָס מיידעלע שפּאַרט אָן אויף אים דאָס קעפּל,
פּרובירט ער אָנצורירן אירע בלאָנדע קרויזן,
און זי, זיך אומגעדרייט, פאַרקוקט אים אין די אויגן,
צעשמייכלט זיך אַנטקעגן אים און זאָגט:
— פאַרוואָס קומסטו נישט שפּילן? איך האָב ליב
צו הערן, אַז דו שפּילסט. — ווערט זאַוול רויט

און פריידע שמייכלט: — כ׳לעבן ליזע איז גערעכט.
און דו, — נעמט זי די קליינע טאָכטער מוסרן —
מען אירצט אן עלטערן. וואָס איז דאָס פאַר א„דו״?
זאָגט זאַוול: — ס׳מאַכט נישט אויס! — און איז איר דאַנקבאַר
פאַר אָט דעם „דו״, דעם קינדערשן, וואָס מאַכט אים אַזוי היימיש.

און זי פירט אויס ביי אים. זי הערט אים שפילן,
און ס׳הערט ר׳ חיים לייב און פריידע און די בעלי־בתּים,
און בעקא הערט און ס׳הערט דאָס גאַנצע יונגוואַרג,
וואָס איז געקומען צו די לאַטקעס חנוכּה. די לאָמפּן ברענען,
די טיר פון סאליע אין דעם עס־צימער איז אָפן,
דער קאַכלאויוון גליט, און אַלע פּנימער
צעפלאַמטע, שיינענדיקע, לויכטן קעגן אים,
און ס׳איז אים גוט. עס איז אים אַזוי גוט,
ווי ס׳איז נאָך קיינמאָל נישט געווען, און ווען די קליינע ליזע
גייט צו צו אים, נעמט ער אַליין איר פינגערל
און פירט מיט דעם איבער די סטרונעס און ער לאַכט
און ליזע לאַכט צוריק, און זאַוול זעט אַפילו נישט
ווי ס׳שטייט ר׳ חיים לייב און רעדט צו אים:
— איר האָט אַ שיין געפיל אין שפילן, יונגערמאַן!
אַ שאָד! אַ שאָד! — און זאַוול ווייס נישט וואָס אַ שאָד,
ווייל ס׳האָט דאָס יונגוואַרג זיך שוין אָפּגעטיילט אין סאליע,
מען רופט אים דאָרט, און ווען ער קומט אַריין
שטייט בעקא און זי דעקלאַמירט. אַ שטייגער וואָס?
דאָס בעטלער־ליד. זיין אייגן בעטלער־ליד קלינגט העל
אין בעקאס קול, און זאַוול הערט און שעמט זיך נישט.
די אויגן פלאַמען, און ער הערט די קלאַפּעריי פון הענט
און גיט זיך נישט אַ ריר אַפילו. בעקא גייט צו אים
און בעט אים לייענען — איז לייענט ער און פילט
איר אָרעם נעבן זיינעם, און די פיס — ווי גאָרנישט.
זיי שטייען גלייך און גיבן נישט קיין ציטער
ווי ס׳וואָלטן אַלע מאָל אַזעלכע בעקאס טוליען זיך צו אים.

און אַז זי בעט אים זינגען – זינגט ער און ער הערט
ווי ס'ווערט דער ניגון אויפגעכאַפּט פון איר און אַנדערע,
און אָט־אָ שטייט ער, ער אינמיטן, און די יונגע לייט
און מיידלעך – אַלע זינגען נאָך דעם ניגון זיינעם,
יין, זאַוולס ניגון, גלייך ווי ער וואָלט אַלע מאָל
געווען דער פאָרזינגער, דער אָנפירער פון זיי.
אַהיים באַגלייט מען אים אַ גאַס און צוויי, און האַרטער שניי
זינגט אונטער בלאַנקענדיק. דערנאָך לויפט ער אַליין
און ס'צופט די אויערן און ס'איז אים שווער צו כאַפּן,
צי ס'איז די היץ אַזוי, וואָס ברענט זיין פּנים,
צי ס'איז דער פראָסט. ער גנבעט זיך אַריין אין שטוב
און אין דער שווערער לופט פון שלאָפעדיקייט פאַלט ער
אויף דעם בשותפותדיקן שטרויזאַק און ס'איז אַלץ אין אים
אַזוי משונה וואך, אַז ס'ווילט זיך שרייען אויף אַ קול־
און מיט אַן אָפן מויל אין קושן שטיקט ער זיך אַריין,
ווי דאָרט אַריינצושרייען זיין געשריי דעם נישט געשריענעם.

און איבערמאָרגן שפּרייזט ער מיטן בוך אין האַנט
אין אָוונטיקער גאַס, און אַז ער קומט צום טיר פון הויז
און דאַרף אין גלעקל קלינגען, בלייבט ער שטיין אַ וויילע
און וואַרט. ס'איז מער שוין נישט קיין שרעק,
כאַ־קערט. אַ וואַרעמע, אַ מילדע היימלעכקייט
פליסט צו צום האַרצן און ס'איז גוט צו שטיין אַזוי
און וויסן, אַז באַלד עפנט זיך די טיר, און דאָרט –
איז היים, זיין אָפּגעהיטע, יום־טובדיקע היים.
נאָר מענטשן גייען אויף דער גאַס, ער קלינגט און קומט אַריין.
שטייט בעקאַ אין איר צימער, פּאַקט אַ טשעמאָדאַן,
די מוטער נעבן איר. פאַרשטייט נישט זאַוול,
און בעקאַ בעט אים איבער: – גאָר אַרויס פון זינען
צו זאָגן אייערנעכטן, אַז זי קלייבט זיך צו אַ טאַנטע
אויף צוויי דריי וואָכן. אָבער באַלד נאָך די חגאות
האָט ער זי ווידער דאָ – און מען וועט ווייטער לערנען.

געזעגנט זיך, און זאַוול גייט אין גאַס און ציילט די טריט.
וואָס דען? ער האָט געמעגט זיך ריכטן אויף אַזוינס.
געמיינט, אַז גאָר די וועלט איז זיינע מיטאַמאָל.
אַ נייע היים... אַ יום-טובדיקע... גולם איינער!
און רעכט אַזוי! אַ מצוה אויף דיר, זאַוול! נאַ און ווייס...
די מאַמע טוט אַ פרעג: — וואָס עפּעס אַזוי גיך?
ער ענטפערט אָפּ: — זי איז אַוועקגעפאָרן צו אַ מומען.
און אַז זי קוקט אים אָן: — אויף לאַנג אַוועקגעפאָרן?
פאַרנעמט ער זיך שוין גלייך צו זיך אין קאַמער
און מרוקעט גייענדיק: — בלויז איבער די חגאות.